נואף אָדער אומזויבערער (מענטש) אָדער געלט־
גייציקער, וואָס איז ווי אַ געצנדינער, האָט נישט
קיין נחלה אין דעם מלכות פון דעם משיח און ג־ט.
6 זאָל אייך קיינער נישט פאַרפירן מיט פוסטע רייד;
וואָרום דורך די דאָזיקע קומט ג־טס צאָרן אויף
7 די קינדער פון ווידערשפעניקייט. ווערט דעריבער
8 נישט קיין מיטאָנטיילנעמער מיט זיי; וואָרום אַמאָל
זענט איר געווען פינסטערניש, איצט אָבער (זענט
איר) ליכט אין דעם האַר, פירט זשע זיך אויף ווי
9 קינדער פונם ליכט—וואָרום די פירות פון דעם
ליכט באַשטייען אין יעדער גוטסקייט און גערעכטי־
10 קייט און וואָרהאַפטיקייט—, און פרובירט אויס וואָס
עס איז וואוילגעפעלן פאַר דעם האַר (ג־ט); און
11 האָט נישט קיין חברותאשאַפט מיט די אומפרוכט־
באַרע מעשים פון דער פינסטערניש, נאָר ליבער
12 זאָלט איר זיי שטראָפן; וואָרום עס איז אַפילו אַ
חרפה צו רעדן פון דעם, וואָס זיי טון אין פאַרבאַר־
13 געניש. און אַלץ, וואָס ווערט געשטראָפט פונם
ליכט, ווערט אַנטפלעקט, ווייל אַלץ, וואָס ווערט
14 אַנטפלעקט, איז ליכט. דערפאַר זאָגט ער:

וואַך אויף, דו שלאָפנדיקער,
און שטיי אויף פון די טויטע,
און דער משיח וועט דיך באַלויכטן! (ישעיהו ס, א׳)

15 גיט זשע גוט אַכטונג וויאַזוי איר וואַנדלט,
16 נישט ווי נאַראָנים, נאָר ווי חכמים; אויסקויפנדיק
17 די צייט, ווייל די טעג זענען בייז. צוליב דעם זאָלט
איר נישט זיין נאַריש, נאָר איר זאָלט פאַרשטיין
18 וואָס דעם האַר (ג־טס) רצון איז. און שכורט זיך
נישט אָן מיט ווײַן, אין וועלכן עס איז צעלאָזנקייט,
19 נאָר ווערט אָנגעפילט מיט דעם גייסט; רעדנדיק
איינער מיט דעם אַנדערן מיט שירות ותשבחות